# סצענע 9 א'

## Escena 9 A

### רייזל און איר משפּחה אין רעסטאָראַן

### Reizl y su familia en el restoran

מענדל - מאַמע, איך האָב זיך געדאַרפֿט אָנטאָן אַזוי עלעגאַנט, מיט אַ זשאַקעט און אַ קראַוואַט, צו קומען דאָ עסן ?

רייזל - וואָס פֿאַר אַ טענה האָסטו... איך האָב זיך געדאַרפֿט נישט נאָר אָנטאָן אַ קלייד און שיך מיט הויכע אָפּצאַסן. איך האָב אויך געמוזט גיין אין שיינקייַט זאַל, צום ציינדאָקטער, צום אויגן -דאָקטער...

טאַטע - דייַנע הויזן זייַנען שוין צעריסן, מענדל. עס איז שוין צייַט דו זאָלסט אָנטאָן עפּעס אַנדערש.

באָבע - אוי קינדערלעך, קינדערלעך, דיסקוטירט נישט. איר זייַט אַלע, קיין עין- הרע, אַזוי שיין...

מאַמע - די באָבע איז גערעכט. איר זעט אויס אַזוי עלעגאַנט, אַזוי שיין... אַזוי גרינשטיין...

זיידע - איך מיין אַז עס איז שוין צייַט צו שווייַגן און עפּעס נעמען אין מויל אַרייַן. לאָמיר בעטן אַ טיש.

מענדל - דו ביסט גערעכט, זיידע. לאָמיר בעטן אַ טיש. איך בין זייער הונגעריק.

טאַטע - קעלנער, קעלנער, מיר ווילן אַ טיש פֿאַר זעקס מענטשן.

קעלנער - ביטע, קומט מיט מיר.

מאַמע - ניין, דער טיש געפֿעלט מיר נישט. עס זייַנען דאָ צו פֿיל מענטשן אַרום.

קעלנער - זייַט אַזוי גוט, קומט מיט מיר.

מאַמע - ניין, ניין. איך וויל נישט זיצן דאָ. עס איז צו ליידיק.

זיידע - איך קען נישט גיין אַזוי פֿיל.

באָבע - און מײַן טײַערער אייניקל איז אַזוי הונגעריק.
קעלנער - און ווו געפֿעלט אײַך ? ווו ווילט איר אַ טיש ?
מאַמע - מיר געפֿעלט אָט דער טיש. דאָ איז זייער פֿײַן, זייער פֿײַן.
קעלנער - איר ווילט עפּעס טרינקען ?
ברודער - טרינקען ??? מיר זײַנען הונגעריק !